בס"ד

| שבת חנוכה |

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהלת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

מקץ
ל' כסלו תשפ"ו

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 4:03 |
| מוצש"ק | 5:19 |
| ר"ת | 5:57 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | |
|---|---|
| סוזק"ש א' 8:17 | סוז"ת א' 9:24 |
| סוזק"ש ב' 9:03 | סוז"ת ב' 9:54 |

גליון מס':
קס"ה
שנה ד'

## טיב הפרשה

# על ידי כהניך הקדושים

## די מצוה פון נר חנוכה איז א מצוה פאר יעדן איד

אין די טעג ווען גאנץ כלל ישראל פראוועט דער דערהויבענער יום טוב חנוכה לאמיר זיך מתבונן זיין אביסל אין די גרויסקייט פון די הייליגע טעג.

דער מקור צו די יום טוב איז די גמרא אין מסכת שבת [דף כא ע"א]. די גמרא הייבט אן רעדן איבער דער יום טוב חנוכה מיט די שאלה פון מאי חנוכה, און איז ממשיך: דתנו רבנן בכ"ה בכסליו יומי דחנוכה תמניא אינון דלא למספד בהון ודלא להתענות בהון, שכשנכנסו יוונים להיכל טמאו כל השמנים שבהיכל וכשגברה מלכות בית חשמונאי ונצחום בדקו ולא מצאו אלא פך אחד של שמן שהיה מונח בחותמו של כהן גדול ולא היה בו אלא להדליק יום אחד, נעשה בו נס והדליקו ממנו שמונה ימים, לשנה אחרת קבעום ועשאום ימים טובים בהלל והודאה".

פון די גמרא קומט ארויס אז דער גאנצער ענין פון די נס חנוכה איז דער זכר צו די נס וואס עס איז געווען אין בית המקדש מיט די שמן, אז עס איז געווען גענוג שמן פאר איין טאג און למעשה האט עס געברענט אכט טעג.

אויך דער רמב"ם אין הלכות חנוכה (פרק ג' הלכה ב-ג) שרייבט אזוי, וז"ל: "כשגברו ישראל על אויביהם ואבדום, בחמשה ועשרים בחודש כסלו היה, ונכנסו להיכל ולא מצאו שמן טהור במקדש אלא פך אחד ולא היה בו להדליק אלא יום אחד בלבד והדליקו ממנו נרות המערכה שמונה ימים, ומפני זה התקינו חכמים שבאותו הדור שיהיו שמונת הימים האלו שתחילתן מליל חמשה ועשרים בכסלו ימי שמחה והלל, ומדליקין בהן הנרות בערב על פתחי הבתים בכל לילה ולילה משמונת הלילות להראות ולגלות הנס".

ווען מען לערנט די גמרא און דער רמב"ם, ווערט שווער א קשיא. אויב די נס וואלט געווען וועגן די מלחמה איבער די יוונים, פארשטיי איך פארוואס מען האט מתקן געווען אז אלע אידן זאלן

## טיב המערכת

### דער פארגעניגן און זיין פרייז

דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע, איז אמאל געגאנגען מיט זיינע תלמידים איבער די גאסן פון שטאט, און געזען ווי א פרינץ מיט א שיין געשטעלט, אנגעטון מיט שיינע קליידער, רייט אויף א שיינעם פערד, און טוט זייער געניסן בלויז פונעם רייטן, וויבאלד דורכדעם איז אנערקענט געווארן זיין כבוד און זיין גרויסן רייכקייט. האט דער הייליגער בעל שם טוב געזאגט צו זיינע תלמידים, אז דורך די נארישע הנאה פונעם פרינץ פארלירט ער גאר א געוואלדיגע און טייערע גדולה, ווייל ער זעט אויפן דאזיגן פרינץ אז ער האט גאר א הויכן מזל, אויף אזוי ווייט אז ער קען ווערן העכער און העכער ביז ער וועט ווערן א קעניג, נאר נישט וויסנדיג טוט ער אויפטווישן די הנאה פון ווערן א קעניג, מיט די הנאה פון אנטפלעקן זיין כבוד.

אט די מעשה קומט אונז לערנען, אז פאר יעדן איינעם איז באשטימט א געוויסע מאָס פארגעניגן און הנאה אויף דער וועלט, אבער די בחירה וויאזוי עס אויסצוניצן – דאס וועלט זיך דער מענטש אליין אויס, צי ער וועט נאכיאגן נאך די הַבְלֵי הָעוֹלָם, און ער קלויבט אויס צו אויסניצן דורך זיי דער מאָס פון זיינע הנאות, און דעמאלטס איז מען ממלא זיין רצון פון הימל און דורך זיי באקומט ער דער טייל פון זיין הנאה, אבער מיט א צייט שפעטער, ווען ער וועט דארפן אז מען זאל ערפילן זיינע וואונטשן פאר די זאכן וואס זענען אים העכסט-וויכטיג, וועט אים שווער זיין דאס צו פועל'ן, וויבאלד דער מאס פון זיינע תענוגים איז שוין ערפילט געווארן מיט פוסטע פארגעניגנס. אבער אויב האט ער שכל'דיגע אויגן, פארשטייט ער אז דער מאס פון זיינע פארגעניגנס איז באשטימט געווארן פאר אים פאר זאכן וואס זענען מער וויכטיג און וועלן אים אונטערקומען דורכאויס זיין לעבן, און דעריבער שיידט ער זיך אפ פון די הבלי העולם, און ווען עס וועט קומען דער צייט וועט ער זען פיל גוטס אין די זאכן וואס זענען אים וויכטיג.

אין די פרשה פון די וואך זעען מיר, אז נאכדעם וואס יוסף הצדיק האט ענטשיידט דער חלום פון פרעה, האט ער אים געגעבן אן עצה צו שפּאָרן אין די זאטע יארן און אוועקלייגן די עסן פאר די הונגער יארן. דאס האט ער געזאגט צו פרעה, טראצדעם וואס פרעה האט דאס נישט געבעטן פון אים, ווייל ער האט אים נאר געבעטן אז ער זאל אים אנטפלעקן וואס איז דער באדייט פונעם חלום, אבער אַן עצה האט ער אים נישט געבעטן, אויב אזוי, פארוואס האט אים יוסף געמערט מיט דיבורים, אין א פלאץ וואס מען האט עס פון אים נישט געבעטן?

נאר, לויט די אויבנדערמאנטע מעשה וועלן מיר קענען פארשטיין דאס וואס יוסף האט דא געטון. ווייל ווען עס איז אנטפלעקט געווארן צו יוסף דער ענטשיידונג פונעם חלום, האט ער פארשטאנען אז מיט אט די הנהגה וויל זיך הקב"ה פירן אויך מיט די מצריים, און ער האט מרגיש געווען אז די גאנצע כוונה פונעם חלום איז געווען צו ווייזן צו פרעה וויאזוי ער זאל שפייזן זיין פאלק אין די קומענדיגע פערצן יאר, אז כאטש זיי וועלן האבן אסאך גוטס אין אנהייב, זאלן זיי אכטונג געבן אז זיי זאלן נישט אויסגעבן אלעס גלייך אין אנהייב, כדי אויך אין די קומענדיגע יארן, ווען עס וועט הערשן א הונגער, זאל זיי בלייבן פונעם מאָס פון זייערע פארגעניגנס, און אזוי וועלן זיי אויך זוכה זיין צו זעט, און וויבאלד דער תכלית פון דער חלום איז געווען די עצה, דעריבער האט יוסף אים אויך געדארפט געבן די עצה.

(עפ"י טיב התורה – מקץ)

טיב הודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

צינדן די מנורה, ווייל גאנץ כלל ישראל איז דאך געווען אין א סכנה, אבער אויב מען האט מתקן געווען די מצוה אלץ א זכר פון דער נס פון די שמן וואלט מען געדארפט מתקן זיין אז מען זאל צינדן אין די שולן, אזוי ווי דער כהן האט געצינדן אין בית המקדש, וואו קומט עס אריין אז יעדער זאל צינדן ביי זיך אין שטוב?

די קשיא ווערט שווערער ווען מען גייט אריבער צו די חומש אין פרשת בהעלותך, וואו די תוה"ק רעדט דארט ארום איבער די מצוה פון אהרן הכהן צו צינדן די מנורה. דער רמב"ן דארט (במדבר ח, ב) ברענגט אראפ די ווערטער פון רש"י אויפ'ן ארט וזה לשונו: "בהעלותך, למה נסמכה פרשת מנורה לחנוכת הנשיאים, לפי שכשראה אהרן חנוכת הנשיאים חלשה דעתו שלא היה עמהם בחנוכה לא הוא ולא שבטו, אמר לו הקב"ה חייך שלך גדולה משלהם, שאתה מדליק ומטיב את הנרות בוקר וערב".

דער רמב"ן אויפ'ן ארט איז מוסיף און איז מחדש אז די נחמה צו אהרן הכהן איז אז זיינס בלייבט אויף אייביג, אז אויך ווען אידן וועלן זיין אין גלות וועט מען צינדן די מנורה, און דאס מיינט מען מיט דער יום טוב חנוכה, וכלשונו הק' "אבל ענין ההגדה הזו לדרוש רמז מן הפרשה על חנוכה של נרות שהיתה בבית שני על ידי אהרן ובניו, רצוני לומר חשמונאי כהן גדול ובניו".

און ער לייגט צו: "ובלשון הזה מצאתיה במגלת סתרים לרבינו נסים שהזכיר האגדה הזו ואמר, ראיתי במדרש כיון שהקריבו שנים עשר שבטים ולא הקריב שבט לוי [חלשה דעתו] וכו', אמר לו הקב"ה למשה דבר אל אהרן ואמרת אליו, יש חנוכה אחרת שיש בה הדלקת הנרות ואני עושה בה לישראל על ידי בניך נסים ותשועה וחנוכה שקרויה על שמם, והיא חנוכת בני חשמונאי, ולפיכך הסמיך פרשה זו לפרשת חנוכת המזבח".

אביסל שפעטער לייגט ער צו די ווערטער פון דער מדרש, וז"ל "וראיתי עוד ב'ילמדנו' (מדרש תנחומא בהעלותך ה) וכן במדרש רבה (טו ו), אמר לו הקב"ה למשה, לך אמור לאהרן אל תתיירא, לגדולה מזאת אתה מוכן, הקרבנות כל זמן שבית המקדש קיים הן נוהגין, אבל הנרות לעולם אל מול פני המנורה יאירו, וכל הברכות שנתתי לך לברך את בני אינן בטלין לעולם, והנה דבר ידוע שכשאין בית המקדש קיים והקרבנות בטלין מפני חורבנו אף הנרות בטלות, אבל לא רמזו אלא לנרות חנוכת חשמונאי שהיא נוהגת אף לאחר חורבן בגלותנו", עד כאן דברי הרמב"ן.

מיט דער יסוד ווערט דער אויבנדערמאנטער קשיא אסאך שווערער. אויב מען זאגט אז די חנוכה צינדן איז א זכר צו די מנורה אין בית המקדש, וואלט נאר דער כהן גדול געדארפט צינדן און די איבריגע זאלן נישט צינדן.

נאר עס קען זיין אז דאס וואס מיר זעען אגאנץ יאר, איז אויך דא ביי חנוכה. מען טרעפט אז פון ווען דער בית המקדש איז חרוב געווארן האט זיך דער סדר געטוישט. אזוי לאנג ווי דער בית המקדש איז געשטאנען איז די עבודה געפירט געווארן דורך דער כהן גדול אין בית ה'.

דער כהן גדול פלעגט מקריב זיין די קרבנות, מיטיב זיין די נרות, אבער פון ווען דער בית המקדש איז חרוב געווארן איז די עבודה געווארן א כלל ישראל זאך, אז יעדער איד באקומט די תפקיד פון זיין א כהן גדול און מקריב זיין די קרבנות, ווי מיר זאגן יעדן טאג ביים דאווענען "ריבון העולמים, אתה צויתנו להקריב קרבן התמיד במועדו ולהיות כהנים בעבודתם ולויים בדוכנם וישראל במעמדם, ועתה בעוונותינו חרב בית המקדש ובטל התמיד, ואין לנו לא כהן בעבודתו ולא לוי בדוכנו ולא ישראל במעמדו, ואתה אמרת ונשלמה פרים שפתינו, לכן יהי רצון מלפניך ה' אלקינו ואלקי אבותינו שיהא שיח שפתותינו חשוב ומקבל ומרוצה לפניך כאילו הקרבנו קרבן התמיד במועדו ובמקומו וכהלכתו", און ווי מיר טרעפן אין די גמרא מנחות [דף קי] "כל העוסק בתורת עולה כאילו הקריב עולה".

## די שטוב פון א איד ווערט ווי א בית המקדש

מיט דער יסוד קען מען פארשטיין פון וואו עס נעמט זיך דער מנהג אז יעדער איד צינדט ליכט ביי זיך אין שטוב און נישט נאר אין שול אדער נאר דער כהן צינדט, ווייל יעדער איד איז ווי דער כהן גדול אליין, ער איז זוכה אנצוקומען צו די דרגה וואס דער כהן גדול האט געהאט אין בית המקדש.

נישט נאר איז דער איד א כהן גדול, נאר אויך די שטוב פון א איד איז ווי דער בית המקדש, מיט די קדושה וואס ער צינדט אן אין זיין שטוב ווערט די שטוב נתקדש, אז עס זאל זיין ווי דער בית המקדש.

די בחינה איז דא אגאנץ יאר, אבער עס איז דא ביתר שאת ווען עס קומט צו הדלקת נר חנוכה. אנדערש ווי אגאנץ יאר ווען מען איז מקריב די קרבנות מיט אן אמירה, אז מען זאגט די נוסח פון די קרבנות איז די בחינה פון די עבודה ביי נר חנוכה.

ביי חנוכה איז א איד זוכה ארויפצוגיין א טרעפל. ער איז מקיים די עבודה נישט נאר מיט עס זאגן מיט'ן מויל, נאר אויך מיט'ן טון א פאקטישע מעשה, ער צינדט אן די נרות.

די בחינה ליגט אויך אין די ווערטער פון רש"י 'אבל שלך גדולה משלהם'.

אויבנאויף איז שווער אז ווי געזאגט איז די בחינה פון ונשלמה פרים שפתינו איז דא ביי אלע קרבנות, און מיטוואס איז די מנורה מער? איר המשכה איז אזוי ווי ביי אלע אנדערע זאכן.

נאר ווי געשמועסט איז די עבודה פון הדלקת נרות א שטאפל העכער ווי אלע אנדערע עבודה'ס. ביי איר איז דא די מעשה, מען צינדט די ליכט מיט די צוויי הענט. דאס מאכט אז די עבודה זאל זיין גרעסער און העכער ווי די געווענליכע עבודה פון דער כהן גדול.

דער געדאנק טרעפט מען אויך ביי די דיני המצוה פון נר חנוכה. מען זעט אז טראץ וואס די גמרא זאגט אז אלע שמנים איז גוט פאר נר חנוכה, און אזוי ווערט אויך גע'פסק'נט אין שלחן ערוך (סימן תרע"ג סעיף א') "כל השמנים והפתילות כשרים לנר חנוכה", לייגט דער רמ"א צו אין די הג"ה "ומיהו שמן זית מצוה מן המובחר", און דאס איז אויך וועגן די בחינה אז עס זאל זיין דומה צו דער בית המקדש.

דער שלה"ק (מסכת תמיד - פרק נר מצוה – א') שמועסט עס אויס קלאר וז"ל: "ענין חנוכה - מצוה מן המובחר להדר דווקא אחר שמן זית להדליק בנרות, אף לקנותו ביוקר, ולא ידליק בנרות שעוה קנדלי"א, גם לא בשאר שמנים, רק בשמן זית, מאחר שהנס בבית המקדש נעשה בשמן זית, וכן מצאתי וכן קבלתי".

די זעלבע בחינה חזר'ט זיך איבער אויך אין די




המשך בעמוד הבא

המשך מעמוד הקודם >

תפילה נוראה וואס דער הייליגער בני יששכר זי"ע האט מתקן געווען אז מ'זאל זאגן פאר די חנוכה ליכט צינדן, דערמאנענדיג דארט אז מיין הדלקה זאל זיין ווי די הדלקה פון די כהנים גדולים, און דאס איז דארט דער לשון התפילה: "ובכן יהי רצון מלפניך ה' אלקינו ואלקי אבותינו, שתהא חשובה ומקבלת ומרוצה לפניך מצות הדלקת נר חנוכה כאילו כיוונתי כל הכוונות שכיוונו הכהנים משרתי השם בעת אשר הערו למות נפשם בשביל כבוד שמך הגדול הגיבור והנורא, ואתה ברחמיך הרבים עוררת נצחך עליהם לנצח את אויביהם ולנצח על מלאכת בית ה', והנני עושה על דעתם ועל כוונתם".

אין די תפילה זעט מען ממש בחוש ווי ער רעדט ארום פון דעם אז די הדלקת הנרות איז א דירעקטע המשכה פאר די עבודה פון בית המקדש.

## די כח צו זיין ווי א כהן גדול

איך האב אינזינען געהאט אז פון וואו טאקע נעמט א איד די כח צו זיין ווי א כהן גדול? נאר, די נס פון חנוכה מיט די ליכט איז געקומען נאך דעם וואס כלל ישראל האט מיט אירע כוחות מנצח געווען די יוונים און זיי מכניע געווען.

כידוע איז די מלחמה נישט געווען א טעכנישע מלחמה, אז מען האט זיך געשלאגן אויף שטח, דו באקומסט אזויפיל און דו אזויפיל, אדער א מלחמה איבער שליטה, אז די יוונים האבן געוואלט שולט זיין אויף די אידן, עס איז געווען א רוחניות'דיגע מלחמה.

די יוונים האבן געוואלט אויסרייסן די אידן פון זייער נאנטקייט מיט הקב"ה. זיי האבן געוואלט אז כלל ישראל זאל אפלאזן די הייליגע תורה און זיך אנבינדן אין די יווני'שע חכמה, ווי חז"ל זאגן [בראשית רבה ב, ד] אז דער 'וחושך' על פני תהום וואס שטייט אין בראשית גייט ארויף אויף די יוונים, און ווי עס איז דער לשון החז"ל דארט: שהחשיכה עיניהם של ישראל בגזירותיהן, שהיתה אומרת להם כתבו על קרן השור שאין לכם חלק באלקי ישראל".

די מלחמה איז געווען קעגן די חשכות פון די יוונים, און אויך דער נצחון איז געווען א רוחניות'דיגע נצחון, אז דער חלק הנצחי פון כלל ישראל איז נישט פארלאשן געווארן נאר געבליבן ברענען.

עס איז געבליבן ברענען און עס איז געווארן גרעסער און שטערקער, און ווייל 'בימים ההם' איז געווען א 'ריבוי קדושה' מיט די הכנעה פון די טומאה, איז אויך לדורות געבליבן די בחינה, אז אין דעם יום טוב ווערט דער איד נתעלה מעלה מעלה און איז זוכה ארויפצוגיין א דרגה העכער און ווערן א כהן גדול און טוט די עבודה, אזוי ווי בזמן הבית.

זאל הקב"ה געבן אז מען זאל זוכה זיין אין די טעג צו די גרויסע אור וואס עס הערשט אין די טעג און נתעלה ווערן במעלות גדולות און זוכה זיין אנצוקומען צו די דרגה פון א כהן גדול בשעתו, און אז די שטוב זאל זוכה זיין צו ווערן נתקדש בקדושת בית המקדש, און אז די אור זאל שיינען אויף אונז אז מען זאל זוכה זיין אז די אור זאל אנצינדן די אור למעלה און עס זאל ברענגען די אורו של משיח.

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית
### געשריבן דורך ליינערס

## א מעשה מיט א השגחה פרטית

עס דערציילט מורינו ורבינו שליט"א: אין א טאג האט מיר א איד דערציילט די פאלגענדע מעשה וואס האט פאסירט ביי איינער פון די מונקאטשער רבי'ס זי"ע.

מנהגו בקודש פון דעם רבי'ן איז געווען צו זיין דער בעל תוקע חודש אלול און אויך ראש השנה. דער רבי האט געהאט אן אייניקל, א קליין קינד, וואס האט זייער שטארק געגליכענט צו הערן דעם זיידן בלאזן שופר, און יעדן טאג, ווען דער זיידע איז אהיימגעקומען פון שחרית, האט ער געבעטן דעם זיידן ער זאל בלאזן שופר פאר אים.

אויך ערב ראש השנה האט דער אייניקל געבעטן פון דעם זיידן די זעלבע. דער זיידע האט געגעבן צו פארשטיין פאר'ן אייניקל אז ערב ראש השנה בלאזט מען נישט, אבער א קליין קינד פארשטייט דאך נישט, ער האט געבעטן דעם זיידן ער זאל בלאזן.

ער האט אזויפיל מפציר געווען אז דער זיידע האט מסכים געווען און געבלאזן איין איינצעלע תקיעה.

יענער ראש השנה פאר די תקיעות איז דער רבי ארויף אויפ'ן באלעמער פאר תקיעת שופר און געגעבן א דרשה. ביי די דרשה האט ער אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און זיך אנגערופן: "רבוש"ע, איך האב געזינדיגט פאר דיר, איך האב געבלאזן א תקיעה ערב ראש השנה, איך האב נישט געקענט ביישטיין די בכיות פון מיין אייניקל, איך בעט דיר, הער אויס אונזערע בכיות און געב איין תקיעה פאר כלל ישראל, זיי מקיים דער 'תקע בשופר גדול לחרותינו' און לייז אויס כלל ישראל פון דעם ביטערן גלות.

די מעשה האט א איד דערציילט פאר מורינו ורבינו שליט"א, גלייך נאכן ענדיגן דערציילן די מעשה איז אריינגעקומען צו מורינו ורבינו שליט"א א איד און אים דערציילט אז זיין פרוי דערגייט אים די יארן, זי דערקוטשעט אים דאס לעבן, ער האלט עס נישט אויס, ער האט באשלאסן אז ער גייט פארלאזן די שטוב אויף אייביג.

"ווען איך האב געהערט וואס דער איד זאגט", דערציילט מורינו ורבינו שליט"א, "האב איך דערציילט פאר דעם איד די מעשה, און אויסגעפירט דערביי אז איך בין זיכער אז אויב ער וועט מעביר זיין על מדותיו וועט הקב"ה אים באצאלן מידה כנגד מידה, און אויך ער וועט זוכה זיין צו אלעס גוטס".

"דער איד האט עס אנגענומען, און נאך דעם וואס ער האט באקומען א הדרכה ווי אזוי זיך צופירן איז ער אהיים אין שטוב, און פון דאן לעבט ער בשלום ובשלוה מיט זיין פרוי".

די מעשה איז פאסיג צו דערציילן אין די ימי החנוכה, פון צדיקים איז ידוע אז ביז חנוכה קען מען מתקן זיין אלעס און לאמיר האפן אז אויך דא וועט מען קענען מתקן זיין אלעס אויף די וועלט.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: מורינו ורבינו שליט"א]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: [illegible]22

המשך אין עמוד ד' >

# טיב המעשיות

## כִּבּוּד אָב וָאֵם - ב

"כִּי לוּלֵא הִתְמַהְמָהְנוּ, כִּי עַתָּה שַׁבְנוּ זֶה פַעֲמָיִם" (מג י)

וואס קומט דער פסוק אונז לערנען?

דער **רבינו בחיי ז"ל** ברענגט אין זיין פירוש אין נאמען פון **רבינו חננאל ז"ל**, אז דער פסוק וויל אונז דא אויסלערנען די מצוה פון "**כיבוד אב**", וואס די הייליגע שִׁבְטֵי קָהּ האבן זיך געפירט מיט גאר גרויס כבוד צו זייערע עלטערן.

און דעריבער, כאטש זיי זענען געווען גענדרוקט צו שאפן עסן פאר זייער הויזגעזינד אין די הונגער-יארן, האבן זיי גארנישט געדרוקט זייער טאטע דורכאויס די גאנצע שווערע תקופה, טראצדעם וואס זיי האבן שוין געהאלטן א לאנגע צייט אז מען דארף שוין נאכאמאל אראפגיין קיין מצרים און קויפן נאך תבואה, האבן זיי זיך מצמצם געווען און זיך געדרוקט מיט זייער שפייז, און האבן נישט גערעדט קיין שווערע ווערטער אנטקעגן זייער טאטע. און אזוי האבן זיי געווארט מיט געדולד, ביז יעקב אבינו האט זיי אליין געזאגט (שם פסוק ב') "שֻׁבוּ שִׁבְרוּ לָנוּ מְעַט אֹכֶל".

און דערויף האבן זיי מרמז געווען בדרך כבוד, אז לוּלֵא הִתְמַהְמָהְנוּ כִּי עַתָּה שַׁבְנוּ זֶה פַעֲמָיִם, און שוין דעמאלטס זענען מיר א לאנגע צייט געווען געדרוקט. - און נאר ווייל זיי האבן זייער אכטונג געגעבן אויף די מצוה פון 'כיבוד אב' האבן זיי זיך פארזוימט און געווארט מיט שטארקייט ביז זייער טאטע וועט זיי שיקן, ביז אהער פונעם הייליגן רבינו בחיי.

***

די פאלגנדע עובדא איז געווען ביי **הרה"ק רבי אברהם מתתיהו משטעפענעשט זי"ע**, וואס איז נתפרסם געווארן אינעם גאנצן געגנט אלץ איינער פון די גרעסטע צדיקי הדור, און איז געווען א געוואלדיגער בעל מופת, כידוע. איינמאל איז געקומען צו אים א אידישער יוגנטליכער וואס איז געווען פון די 'מתחדשים', וועלכער איז געווען זייער דערווייטערט פון תורה ומצוות רח"ל, און האט געבעטן א ברכה פטור צו ווערן פונעם רומענישן מיליטער, נאכן באקומען א באפעל זיך צו שטעלן.

ווארשיינליך, האט דער יוגנטליכער געהערט איבערן געוואלדיגן כח פונעם צדיק, דורך זיינע ברכות וואס ער האט געשאנקען פאר אידישע בחורים, פריי צו ווערן פון אט די שרעקליכע גזירה, און אסאך מענטשן זענען געהאלפן געווארן דורך אים.

האט אים דער רבי געפרעגט: אבער, פארוואס ווילסטו נישט אריינגיין דארט אינעם מיליטער? צו האסטו מורא אז דו וועסט זיך דארט דארפן געשטרויכלט ווערן מיט עסן טריפות, אדער האסטו א זארג אז דו וועסט דארט דורכפאלן מיט חילול שבת?...

ניין! האט דער משכיל געענטפערט, קלאר און דייטליך! דאס אלעס שטערט מיר נישט! [- ער איז ליידער אזוי ווייט געווען פון אידישקייט, אז ער האט נישט געבאפט וואספארא בושה און חרפה עס איז, צו זאגן פארן צדיק אזעלכע שענדליכע ווערטער, ה' ירחם]. - נאר וואס דען, האט דער יוגנטליכער ווייטער געזאגט, איך האב אן אלטע מאמע וועמען איך באדין שטענדיג, און אויב וועל איך גיין צום מיליטער, וועט זי נישט האבן ווער עס זאל איר באדינען!

ווען דער רבי האט געהערט די ווערטער פונעם יוגנטליכער, איז ער שטארק באגייסטערט געווארן, און זיך אנגערופן מיט ווארימקייט: אויב אזוי, האבן מיר דאך דא **די מצוה פון 'כִּבּוּד אֵם'**! דער הייליגער רבי האט גענומען די האנט פונעם בחור און עס געלייגט איבער זיין הייליג הארץ, [אלץ צייכן און סימן אז ער גיבט א הבטחה מיטן גאנצן הארץ, אזוי ווי עס איז באוואוסט אז דאס איז געווען זיין הייליגער מנהג, אז יעדער וואס האט זוכה געווען צו באקומען פון אים אזא סארט הבטחה, ווען ער ציט זיין האנט צו זיין הארץ, האט ער זוכה געווען צו גרויסע ישועות], און ער האט געזאגט: איך זאג דיר צו! אז בעזרת השם וועסטו ארויסגיין פרייי!

און ווירקליך, גלייך ביים ערשטן מאל וואס ער האט זיך געשטעלט צום מיליטער, האט ער נישט געפינען חן אין די אויגן פונעם גענעראל, און ער האט אים גענצליך באפרייט, תיכף ומיד!

**דא לערנען מיר ארויס א מוסר השכל, אין אט די געהויבענע מצוה פון 'כיבוד אב ואם', אויף אזוי ווייט אז אפילו א איד וואס איז געווען א פורק עול און אינגאנצן דערווייטערט פון אידישקייט, האט זוכה געווען צו גערעטעוועט ווערן און צו געבענטשט ווערן אין זכות פון אט די טייערע מצוה!**









יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173